# לקוטי שיחות

## CHAYEI SARAH חיי שרה

SELECTIONS FROM

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

# CHAYEI SARAH | חיי שרה

*LIKKUTEI SICHOS,* VOLUME 15, P. 163FF.

Adapted from the *sichos* delivered on 20 Cheshvan and *Parshas Chayei Sarah,* 5735 [1974]

## Introduction

As mentioned previously,[1] for more than 20 years, at every *Shabbos farbrengen,* the Rebbe would analyze one of *Rashi's* commentaries on the weekly Torah reading. Highlighting *Rashi's* self-avowed intent,[2] "I have come solely to explain the straightforward meaning of Scripture," the Rebbe would explain how *Rashi* carefully chose his words to enable a five-year-old beginning the study of *Chumash*[3] to understand the words of the Torah.

Unlike others who see *Rashi's* commentary as an anthology of Rabbinic teachings, the Rebbe maintains that *Rashi* cites a teaching of our Sages for two reasons:

a) *Rashi* understands that our Sages are teaching the simple interpretation of the narrative. In those instances, *Rashi* does not state his source, since he views our Sages' words not merely as *Midrashic* insights, but rather as sourced in the words of the Torah itself.

b) *Rashi* sees the simple interpretation of the Scriptural narrative as problematic. Therefore, he cites a Rabbinic interpretation even when it does not follow the simple interpretation of the narrative entirely. In these instances, however, *Rashi* clarifies his intent by prefacing his interpretation with the words, "Our Sages interpreted…," or the like, to emphasize that he is departing from his ordinary practice.

The *sichah* to follow is a classic exposition of these principles. The Rebbe cites *Rashi's* commentary to the verse,[4] "Yitzchak brought her to the tent of Sarah his mother." *Rashi* cites the words "to the tent of Sarah his mother," and explains:

> "He brought her to the tent," and behold, she was Sarah his mother; i.e., she became exactly like Sarah his mother. As long as Sarah was alive, a light burned from one *Shabbos* eve to the next, blessing was found in the dough, and a cloud was attached to the tent. When [Sarah] died, these signs ceased, but when Rivkah came, they resumed.

The Rebbe explains how *Rashi* carefully considers every word used in this commentary, why it is a logical imperative for *Rashi* to cite each of the three miracles that took place, and why *Rashi* deviates from the *Midrashic* sources from which it appears his commentary is derived.

After analyzing the details of *Rashi's* commentary, the Rebbe cites it as support for his call for all Jewish women and girls to kindle *Shabbos* candles even before marriage and, indeed, from early in their childhood. As is evident from the Torah's words,[5] it was only after Yitzchak saw the miracles *Rashi* mentions that he decided to marry Rivkah. And,

---

1. See p. 3.

2. See *Rashi's* commentary to *Bereishis* 3:8, 24.

3. Cf. *Avos* 5:22.

4. *Bereishis* 24:67.

5. See p. 230 below.

as *Rashi* explains,[6] Rivkah was three years old at the time of her wedding. Even though a child of that age is not obligated by Scriptural Law to observe *mitzvos*, and Avraham also kindled *Shabbos* lights in that tent, Rivkah fulfilled this *mitzvah* herself.[7]

The Rebbe uses the above concepts to underscore the great power possessed by every Jewish girl or woman, even a young child of the age of three, when she kindles *Shabbos* lights. Though Avraham fulfilled this *mitzvah*, neither his nor Yitzchak's *Shabbos* lights burned from one Friday afternoon to the next. That miracle was manifest specifically when Sarah kindled her *Shabbos* lights and, afterwards, when Rivkah began doing so as a three-year-old girl.

True, when a Jewish woman or girl lights *Shabbos* candles today, the physical light generated by her candles does not remain visible for that length of time. Nevertheless, in truth, the same phenomenon prevails in the spiritual realm. This light generated by her kindling *Shabbos* candles will illuminate her home throughout the entire week.

In addition to the light brought into their own homes, the *Shabbos* candles Jewish women and girls kindle have an effect on the world at large. As the *Yalkut Shimoni*[8] states, kindling the *Shabbos* lights brings closer the era when G-d will show us "the lights of Zion," with the coming of the complete and ultimate Redemption.

---

6. *Rashi*, *Bereishis* 25:20.

7. This is a necessary conclusion, since, as *Rashi* teaches (*Bereishis* 26:5), Avraham observed the entire Torah, including also the Rabbinic *mitzvos*.

8. *Yalkut Shimoni,* the beginning of *Parshas Behaaloscha.*

# Rivkah's *Shabbos* Lights

## Three Miracles

**On the verse,[1] "Yitzchak brought her to the tent of Sarah his mother,"** ***Rashi*** **cites the words, "to the tent of Sarah his mother," and explains:**

> **"He brought her to the tent," and behold, she was Sarah his mother; i.e., she became exactly like Sarah his mother.[2] As long as Sarah was alive, a light burned from one** ***Shabbos*** **eve to the next,[3] blessing was found in the dough,[4] and a cloud was attached to the tent. When** Sarah **died, these signs ceased, but when Rivkah came, they resumed** (*Bereishis Rabbah*).

**The subcommentaries to** ***Rashi***[5] **explain that** ***Rashi*** **derived his interpretation from the word האהלה, "to the tent," which precedes "Sarah his mother."[6] If האהלה was the object of a possessive noun, "the tent of," and "Sarah his mother" was merely its subject, in which case** the phrase **would mean "to the tent of Sarah his mother,"** as translated above, **then the verse should have stated אהלה**[7]

א. ״וַיְבִיאֶהָ יִצְחָק הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ וגו׳״[א] – אִיז רַשִׁ״י מַעְתִּיק פוּן דֶעם פָּסוּק דִי ווֶערְטֶער ״הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ״ אוּן אִיז מְפָרֵשׁ: ״וַיְבִיאֶהָ הָאֹהֱלָה וַהֲרֵי הִיא שָׂרָה אִמּוֹ כְּלוֹמַר וְנַעֲשֵׂית דוּגְמַת שָׂרָה אִמּוֹ[ב] שֶׁכָּל זְמַן שֶׁשָּׂרָה קַיֶּמֶת הָיָה נֵר דָּלוּק[ג] מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת וּבְרָכָה מְצוּיָה בָּעִיסָּה[ד] וְעָנָן קָשׁוּר עַל הָאֹהֶל, וּמִשֶּׁמֵּתָה פָּסְקוּ וּכְשֶׁבָּאת רִבְקָה חָזְרוּ״.

מְפָרְשִׁים[ה] טַיְיטְשְׁן, אַז רַשִׁ״י אִיז מְדַיֵּיק זַיְין פִּירוּשׁ פוּנֶעם וָוארְט ״הָאֹהֱלָה״ וָואס שְׁטֵייט פַאר ״שָׂרָה אִמּוֹ״[ו]: אוֹיבּ דֶער פְּשַׁט וָואלְט גֶעווֶען ווִי ס׳זֶעט אוֹיס אִין פַּשְׁטוּת אַז ״שָׂרָה אִמּוֹ״ אִיז דֶער אָפְּטַיְיטשׁ פוּן ״הָאֹהֱלָה״ (אִין אֹהֶל פוּן שָׂרָה אִמּוֹ), הָאט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין ״אֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ״[ז] אָדֶער ״לְאֹהֶל

---

1. *Bereishis* 24:67.

2. **Manuscript versions and the first and second printings of** ***Rashi's*** **commentary** state the above **in the reverse order: "'He brought her to the tent;'* she became exactly like Sarah his mother and** that is to say, **she was (like) Sarah his mother."**

   *** The second printing paraphrases the verse rather than quote it.**

3. **In the printings mentioned in footnote 2,** *Rashi's* text reads, **"A light burned** ***in the tent*** **from one** ***Shabbos*** **eve to the next." See footnotes 8 and 9 below.** Also, **the first printing states, "would burn." See also footnote 37 below.**

4. **In the second printing, the text states** that the blessing was found **"in the bread and in the dough."**

5 **See the subcommentaries of Rabbi Eliyahu Mizrachi,** ***Gur Aryeh***, ***Sifsei Chachamim***, ***Maskil LeDavid***, ***Dikdukei Rashi***, ***et al.***

6. **See** ***Zohar***, **Vol. I, p. 133a,** which also focuses on the addition of the letter *hei* to the word האהלה. The *Zohar* explains that the *hei* is a reference to the *Shechinah*, the Divine presence that was manifest in the tent during Sarah's lifetime, departed after her death, and returned with Rivkah's arrival.

7. **As** ***Rashi*** **states (*Bereishis* 14:10): Whenever a** ***lamed*** **is required as a prefix for a word to connote "to," a** ***hei*** **may be added as a suffix.**

**or לאהל. Using a *hei* as a prefix implies that the term that follows is a definite article,** i.e., in this instance, **a tent whose identity is already known.**[8] **Therefore, *Rashi* understands that the word האהלה, "to *the* tent," has a self-defined meaning, and the words "Sarah his mother" allude to another concept: that** as *Bereishis Rabbah* states, Rivkah **"became exactly like Sarah his mother."**

**Nevertheless, this explanation raises a number of questions:**

**a) *Rashi* carefully reckons every word used in his commentary. Why then does he cite the word אמו, "his mother"? The necessity for the interpretation he gives stems from the fact that the word "Sarah" is stated after the word האהלה, "to *the* tent." Seemingly, the word אמו, "his mother," is not necessary for that interpretation. Why then does *Rashi* cite it?**

**b) After stating, "She became exactly like Sarah his mother,"** *Rashi* interprets those words to **mean, "As long as Sarah was alive…,"** i.e., that the miracles that characterized Sarah's household resumed when Rivkah arrived. **Why must *Rashi* mention miracles? Why is it not sufficient to say that Rivkah's actions resembled Sarah's?**[9]

**c) Even if we accept that there is a logical imperative for *Rashi* to say that a miracle took place,** seemingly, **the simple meaning of the narrative does not indicate what** kind of **miracle took place. Moreover, there is no indication that more than one miracle took place,**

שָׂרָה אִמּוֹ"; עֶס קֶען אָבֶּער נִיט שְׁטֵיין "הָאֹהֱלָה" (מִיט אַ הֵ"א הַיְדִיעָה) וָואס בַּאדַיְיט אַז סְ'אִיז שׁוֹין יָדוּעַ וֶועמֶענְס אֹהֶל דָאס אִיז[ח]. דֶערְפוּן נֶעמְט רַשִׁ"י דֶעם פֵּירוּשׁ אַז מִיט "וַיְבִיאֶהָ (יִצְחָק) הָאֹהֱלָה" אִיז דֶער עִנְיָן אָפְּגֶעשְׁלָאסֶען, און "שָׂרָה אִמּוֹ" אִיז נָאךְ אַן עִנְיָן - "וַהֲרֵי הִיא שָׂרָה אִמּוֹ".

לוֹיט דֶעם הֶסְבֵּר אִיז אָבֶּער נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק:

א) פַארְוָואס אִיז רַשִׁ"י (וָואס יֶעדֶער וָוארְט זַיְינֶער אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט) מַעְתִּיק פוּן פָּסוּק אוֹיךְ דֶעם וָוארְט "אִמּוֹ": דֶער דִּיּוּק און הֶכְרַח אִיז דָאךְ פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶעם וָואס נָאכְן "הָאֹהֱלָה" קוּמְט "שָׂרָה" - און וִויבַּאלְד דָאס וָוארְט "אִמּוֹ" אִיז נִיט נוֹגֵעַ צוּם דִּיּוּק הָאט עֶר עֶס נִיט גֶעדַארְפְט מַעְתִּיק זַיְין?

ב) פַארְוָואס טַיְיטְשְׁט רַשִׁ"י אַז "וַהֲרֵי הִיא שָׂרָה אִמּוֹ" מֵיינְט "שֶׁכָּל זְמַן כו'" - אַז סְ'זַיְינֶען גֶעוֶוען דֶערְבַּיי נִסִּים, און בַּאנוּגְנְט זִיךְ נִיט מִיט זָאגְן אַז אִירֶע מַעֲשִׂים זַיְינֶען גֶעוֶוען וִוי "שָׂרָה אִמּוֹ"[ט]?

ג) אָנְנֶעמֶענְדִיק, אַז רַשִׁ"י הָאט אַ הֶכְרַח אַז דֶערְבַּיי אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס - סְ'אִיז אָבֶּער נִיט מוּכְרָח אִין פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא וָואס פַאר אַ נֵס אִיז גֶעוֶוען, וְעַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אַז סְ'אִיז נִיט מוּכְרָח אַז עֶס זַיְינֶען גֶעוֶוען מֶער וִוי אֵיין נֵס,

---

8. **See *Avi Ezer* to the commentary of Ibn Ezra and see the commentary of *Ramban*, who emphasize that** the word האהלה, "to the tent," is not the object of a possessive noun, since **it lacks a subject.**

9. ***Targum Onkelos*** in fact interprets the phrase in that fashion, **stating, "He saw that her actions were worthy** like those of Sarah his mother.**" Note also that *Nesinah Lageir* explains that the interpretation of *Targum Onkelos* is also based on the fact that the *hei* of *haohelah* refers to a definite article and that there is no subject** for the word *haohelah*.

**and there is certainly no indication that all these three** miracles resumed**. Indeed, the *Targum* of Yonasan ben Uziel – whose approach to interpretation,** by and large, **is further from the simple meaning of the narrative than *Rashi*'s – only mentions one** miracle **– that her *Shabbos* lamp remained lit** for the entire week.[10]

אוּן נָאכְמֶער אַז עֶס זַיְינֶען גֶעוֶוען דִי אַלֶע דְרַיי פְּרָטִים; [אוּן ווִי מְ׳זֶעט אִין תַּרְגוּם יוֹנָתָן בֶּן עֻזִּיאֵל[ד'] (הֲגַם עֶר אִיז וַוְיטֶער פוּן דֶּרֶךְ הַפְּשַׁט ווִי פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י) אַז עֶר בְּרֵיינְגְט נָאר דֶעם פְּרַט פוּן נֵר דָּלוּק].

## Intricacies in *Rashi's* Commentary

**One can explain that, according to the simple meaning of the narrative, there is no logical imperative to cite the three particulars which *Rashi* mentions. However, since he is quoting a passage from *Midrash Rabbah* that relates to the simple meaning of the verse,** he quotes the entire passage from the *Midrash*, which cites all three miracles**. This is indeed why, at the end of his commentary, *Rashi* states his source,[11] *Bereishis Rabbah*.[12]**

ב. מְ׳ווָאלְט גֶעקֶענְט זָאגְן, אַז דִי דְרַיי פְּרָטִים ווָאס רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט בְּפֵּירוּשׁוֹ זַיְינֶען טַאקֶע נִיט מוּכְרָח לוֹיט פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא, נָאר עֶר בְּרֵיינְגְט דֶעם דְרַשׁ פוּן מִדְרָשׁ רַבָּה אִין שַׁיְיכוּת צוּם פְּשַׁט הַכָּתוּב, אוּן דֶערְפַאר צֵייכְנְט רַשִׁ"י אָן דֶעם מָקוֹר[י"א] בַּיְים סִיּוּם פוּן זַיְין פֵּירוּשׁ: "בְּרֵאשִׁית רַבָּה"[י"ב];

**(From the manuscripts of *Rashi's* commentary,[13] it is apparent that *Rashi* himself cited *Bereishis Rabbah*, in contrast to many of the other sources found in his commentary that were** not added by *Rashi* himself, but **added by the copyists.)**

[ווָארוּם פוּן דִי כִּתְבֵי יַד פוּן פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י[י"ג] אִיז קֶענְטִיק אַז דֶעם צִיּוּן "בְּרֵאשִׁית רַבָּה" דָא אִיז דָאס רַשִׁ"י׳ס לָשׁוֹן - נִיט אַ הוֹסָפָה פוּן דִי מַעְתִּיקִים, ווִי בַּיי אַ סַאךְ אַנְדֶערֶע מַרְאֵי מְקוֹמוֹת אִין זַיְין פֵּירוּשׁ]

However, **even if one would assume that** *Rashi* **mentions the three** miracles **because he is quoting from *Bereishis Rabbah*, this still**

אָבֶּער לְבַד זֹאת, ווָאס אָנְנֶעמֶענְדִיק אֲפִילוּ אַז דִי דְרַיי גֶעבְּרַאכְטֶע עִנְיָנִים זַיְינֶען גֶענוּמֶען אוּן מְיוּסָד נָאר אוֹיף דֶער דְרָשָׁה פוּן בְּרֵאשִׁית רַבָּה, אִיז

---

10. See *Targum Yonasan* **to the verse. (That text, however, interprets "the light burning" in a different manner, see also footnote 34, below). Similarly, the *Zohar*, Vol. I, pp. 50a, 133a,** mentions only the miracle of the light burning. **See *Shelah* (p. 284a), which explains why the *Zohar* mentions only the miracle of the light burning.**

**The *Pesikta Zutrasa* to the verse mentions only** the miracle **of the cloud and *Ramban* mentions only** the miracle that **"blessing was found in the dough."**

11. This would be an exception, since **in the overwhelming number of instances** where *Rashi* employs an interpretation taken from the Talmud or the *Midrash*, **he does not mention his source. For example, on the following verse,** *Rashi* **identifies Keturah as Hagar** without stating his source, even though **that interpretation is also found in *Bereishis Rabbah*.**

12. ***Bereishis Rabbah* 60:16.**

13. **This is also evident from the first and second printings of *Rashi's* commentary** cited in footnotes 2 and 3.

נִיט פַאַרְשְׁטַאנְדִיק: אוֹיבּ אַזוֹי (א) פַאַרְוָואס אִיז רַשִׁ"י מַשְׁמִיט דֶעם פֶערְטְן פְּרַט וָואס וֶוערְט גֶעבְּרַאכְט אִין מִדְרָשׁ - "דְלָתוֹת פְּתוּחוֹת לָרְוָחָה" - וָואס אוֹיךְ דֶערְמִיט אִיז רִבְקָה גֶעוָוען "דוּגְמַת שָׂרָה אִמּוֹ"[יד]; (ב) פַאַרְוָואס שְׁטֶעלְט רַשִׁ"י דִי דְרַיי פְּרָטִים אִין אַ גֶעעֶנְדֶערְטְן (אוּן נָאכְמֶער - אַ) פַאַרְקֶערְטְן סֵדֶר ווִי זֵיי וֶוערְן גֶערֶעכְנְט אִין מִדְרָשׁ ("עָנָן קָשׁוּר עַל פֶּתַח הָאֹהֶל . . בְּרָכָה . . וְנֵר דָלוּק וכו'")[יד*].

וּבֶאֱמֶת אִיז מִלְכַתְּחִילָּה שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַז רַשִׁ"י מֵיינְט דֶערְמִיט בְּלוֹיז אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אַ דְרָשַׁת חַזַ"ל: ס'הָאט זִיךְ גֶערֶעט פִיל מָאל אִין הַסְבָּרַת הַטַּעַם, פַאַרְוָואס רַשִׁ"י דֶערְמָאנְט נִיט בְּדֶרֶךְ כְּלַל דֶעם מָקוֹר פוּן דִי פֵּירוּשִׁים וָואס הָאבְּן אַ יְסוֹד אִין מִדְרָשֵׁי חַזַ"ל, וַוייְל אוֹיךְ דִי פֵּירוּשִׁים זַיינֶען גֶעבּוֹיט אוּן גֶענוּמֶען פוּן פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא (אִיז זֵייעֶר "מָקוֹר" דֶער פְּשַׁט הַכָּתוּב)[טו]; אוּן אִין פַאל וֶוען אַזַא פֵּירוּשׁ פוּן מִדְרָשֵׁי חַזַ"ל אִיז נִיט אִינְגַאנְצְן לְפִי פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא אוּן רַשִׁ"י בְּרֵיינְגְט אִים נָאר דֶערְפַאר וָואס דֶער פָּשׁוּט'ער פְּשַׁט אִיז נִיט "גְלַאטִיק" וְכַדּוֹמֶה[טז] - דֶעמָאלְט

**requires explanation:**

a) *Bereishis Rabbah* mentions **a fourth factor** in which Rivkah **emulated Sarah: "the entrances** to her tent **were wide open."**[14] **Why does *Rashi* omit this point?**

b) **Why does *Rashi* mention the three** miracles **in a different – indeed, in exactly the opposite – order than the *Midrash*? (The *Midrash* speaks of "A cloud attached to the entrance of the tent… blessing** found… **and a lamp burning….")**[15]

**In truth, to say that *Rashi* is merely quoting the teaching of our Sages is difficult. As explained many times, *Rashi* generally does not cite the source for his commentary, even though many of the explanations he gives are also found in the teachings of our Sages. The reason is** that *Rashi* understands **that these teachings are based on the simple interpretation of the narrative** rather than being *Midrashic* insights. Thus, **they are sourced in the words of the Torah itself.**[16]

**There are instances where the interpretation offered by our Sages does not follow the simple interpretation of the narrative entirely. Nevertheless, *Rashi* may cite such an interpretation because the simple interpretation of the narrative is problematic.**[17] **In such an instance,**

---

14. **The *Midrash*, *loc. cit.*, also concludes that** Rivkah **"separated *challah* in a state of ritual purity and handled her dough in a state of ritual purity** like Sarah.**" That, however, is a separate concept.**

**See the glosses of *Yafeh To'ar* and *Maharzav*** to the *Midrash* **and *Gur Aryeh* and *Levush HaOrah* to *Rashi*, which focus on the four factors** in which Rivkah resembled Sarah, **in contrast to the interpretation of *Yedei Moshe*** who counts five factors.

15. **The Theodor-Albeck edition of *Bereishis Rabbah* cites several manuscripts that mention "the light burning" before "blessing found in the dough."**

16. ***Rashi* himself emphasizes this concept in several places in his commentary; among them: *Bereishis* 3:8, 24, *et al.***

17. Often, when the simple interpretation of the verse is not straightforward, ***Rashi*** feels the need to cite **"an *Aggadic* interpretation that resolves the Scriptural text," as he states in his commentary to *Bereishis* 3:8. See the sources mentioned in *Likkutei Sichos*, Vol. 15. p. 27, footnote 2.**

**however, *Rashi* clarifies** his intent **by prefacing** the interpretation with the words, **"Our Sages interpreted…," or the like.**[18]

On this basis, **there is a difficulty** with the interpretation offered above**: If it is necessary to mention all three** miracles **for the simple interpretation of the narrative, why does *Rashi* have to cite** his source in ***Bereishis Rabbah*? And if the simple interpretation of the narrative does not require mentioning** all of them, and *Rashi* **is citing them as a *Midrashic* insight which relates to – but does not entirely fit – the simple interpretation of the narrative, *Rashi* should have introduced his commentary by saying: "Our Sages offered the *Midrashic* interpretation, 'As long as Sarah was alive….'"**

בַּאוואָרענְט עס טאַקע רַשִׁ"י און אִיז מַקְדִּים: "רַבּוֹתֵינוּ דָּרְשׁוּ" וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה[יז].

אִיז נִיט מוּבָן: מִמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ דִי אַלֶע דְרַיי זַאכֶען זַיְינֶען מוּכְרָח אִין פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא דַארְף רַשִׁ"י נִיט צוּגֶעבְּן דִי וֶוערְטֶער "בִּבְרֵאשִׁית רַבָּה"; און אוֹיבּ סְ'אִיז נִיט מוּכְרָח אִין פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא און עֶר בְּרֵיינְגְט דָאס נָאר אַלְס מִדְרַשׁ חֲזַ"ל וָואס אִיז נוֹגֵעַ אִין פְּשׁוּטוֹ שֶׁל מִקְרָא, הָאט רַשִׁ"י גֶעדַארְפְט מַקְדִּים זַיְין און אוּנְטֶערְשְׁטְרַייכְן: "רַבּוֹתֵינוּ דָּרְשׁוּ שֶׁכָּל זְמַן שֶׁשָּׂרָה קַיֶּמֶת כו'".

## What Yitzchak Sought in a Wife

**In resolution of the above: The difficulty *Rashi* is seeking to explain is that all three words that he cites, האהלה שרה אמו, "to the tent of Sarah his mother," appear superfluous. The Torah here is relating that when Rivkah arrived with Eliezer, immediately, while they were still outside, Eliezer told Yitzchak everything that had happened to him. Afterwards, Yitzchak brought Rivkah inside and married her. The verse could have said, "Yitzchak brought her (to himself)[19] and he took Rivkah and she became**

ג. אִיז דֶער בִּיאוּר אִין דֶעם:

דִי שְׁוועֶרִיקַייט וָואס רַשִׁ"י בַּאוָוארְנְט אִיז אִין דִי אַלֶע דְרַיי וֶוערְטֶער "הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ", וָואס עֶר אִיז מַעְתִּיק, וַוייל אוֹיבְּנְאוֹיף זַיְינֶען זֵיי אִיבֶּערִיג: דִי תּוֹרָה אִיז דָא אוֹיסְן צוּ דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען רִבְקָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיט אֱלִיעֶזֶר'ן און אֱלִיעֶזֶר הָאט בַּאלְד, נָאךְ זַיְיעֶנְדִיק אִין דְרוֹיסְן, דֶערְצֵיילְט יִצְחָק'ן וֶועגְן אַלְץ וָואס מִיט אִים הָאט פַּאסִירְט הָאט יִצְחָק דֶערְנָאךְ אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט רִבְקָה'ן און זִי גֶענוּמֶען פַאר אַ פְּרוֹי - הָאט דָאךְ דֶער פָּסוּק בְּלוֹיז גֶעדַארְפְט זָאגְן: "וַיְבִיאֶהָ יִצְחָק (אֵלָיו[*יז]) וַיִּקַּח אֶת

---

**18. Sometimes, *Rashi* mentions a source because he desires to negate another** similar **interpretation of our Sages and** the distinction between the two relates to his commentary. For example, sometimes **an interpretation is found in several sources from our Sages, with slight differences between one source and another. *Rashi* will cite one source to teach that his intent is to follow the interpretation stated in that source specifically. See *Likkutei Sichos*, Vol. 5, p. 171; Vol. 13, p. 101ff.; *et al.***

**19. See *Bereishis* 29:23,** which uses similar wording**. Alternatively, even that word would be unnecessary since the verse concludes "she became** his wife**."**

**his wife." What is added by stating, "to the tent of Sarah his mother"?**[20]

**These words, "to the tent of Sarah his mother,"** allude to factors that **contributed and led to the outcome, "He took Rivkah and she became his wife." With these words, the Torah is explaining the reason Yitzchak was motivated to marry Rivkah.** Had the factors alluded to by these words not occurred, **it is not entirely certain that** Yitzchak **would** have married her.

**Eliezer had already told Yitzchak about the miraculous series of events that had transpired and how all the signs that** Eliezer had stipulated to guide his choice **came to fruition. In *Rashi*'s words,**[21] **"He revealed to** Yitzchak **the miracles that were wrought for him, that his journey was miraculously shortened and that Rivkah had come to him providentially because of his prayer." All of this led Eliezer to conclude that "You** [G-d] **have designated her for Your servant, for Yitzchak"**[22] **– that because of her virtues, Rivkah was fit to become Yitzchak's wife. Even so, Yitzchak was not entirely certain that** Rivkah's qualities **resembled** those of **his family,** and particularly, **the righteousness of his mother Sarah.** {It was precisely because of the difficulty in finding such a woman that **Avraham sent Eliezer to "my land and my homeland."}**[23]

רִבְקָה וַתְּהִי לוֹ לְאִשָּׁה". וָואס גִיבְּן צוּ די וָוערְטֶער "הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ"[יח]?

אִיז דֶערְפוּן פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז "הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ" אִיז מוֹסִיף עֶפֶּעס וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּם אוֹיסְפִיר: "וַיִּקַּח אֶת רִבְקָה וַתְּהִי לוֹ לְאִשָּׁה" - דֶערְמִיט זָאגְט תּוֹרָה דֶעם טַעַם אוּן סִיבָּה וָואס הָאט בַּאווֹאוֹיגְן יִצְחָק'ן צוּ נֶעמֶען רִבְקָה'ן, בִּיז דֶעם אִיז עֶס בַּיי אִים נִיט גֶעוֶוען קֵיין דָבָר מוּחְלָט.

דָאס הֵייסְט הֲגַם אֱלִיעֶזֶר הָאט דֶערְצֵיילְט יִצְחָק'ן וֶועגְן דֶעם ווּאוּנְדֶערְלִיכְן נִסִּים'דִיקְן אוֹפֶן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז אַלְץ גֶעשֶׁען, גֶענוֹי לוֹיט דִי סִימָנִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט - "גִּלָּה לוֹ נִסִּים שֶׁנַּעֲשׂוּ לוֹ שֶׁקָּפְצָה לוֹ הָאָרֶץ וְשֶׁנִּזְדַּמְּנָה לוֹ רִבְקָה בִּתְפִלָּתוֹ"[יט] - וָואס דָאס אַלְץ הָאט אֱלִיעֶזֶר אָנְגֶענוּמֶען אַלְס אַ בַּאווַיְיז אַז "אוֹתָהּ הוֹכַחְתָּ לְעַבְדְּךָ לְיִצְחָק"[כ], אַז רִבְקָה אִיז מִיט אִירֶע מַעֲלוֹת פַּאסִיק צוּ זַיְין יִצְחָק'ס פְּרוֹי; פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז יִצְחָק נָאךְ נִיט גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן זִיכֶער אַז זִי אִיז טַאקֶע בְּדוֹמֶה צוּ זַיְין מִשְׁפָּחָה, צוּ זַיְין מוּטֶער שָׂרָה אִין צִדְקוּת וכו' (וָואס צוּלִיבּ דֶעם הָאט אַבְרָהָם גֶעשִׁיקְט אֱלִיעֶזֶר'ן "אֶל אַרְצִי וְאֶל מוֹלַדְתִּי וגו'"[כא]), בִּיז עֶס אִיז גֶעוֶוען "וַיְבִיאֶהָ גו' הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ"[כב].

---

20. **See Alshech to this verse, which states, "All that is necessary to state is 'And he took Rivkah.'"**

21. ***Rashi*, *Bereishis* 24:66.**

22. ***Bereishis* 24:14. See *Rashi's* commentary,** which emphasizes how Eliezer felt that a woman who conducted herself according to the stipulations mentioned in his prayer would be fitting to become part of Avraham's household.

23. ***Ibid.* 24:4. See *Rashi's* commentary cited in the previous footnote and to *Bereishis* 24:21.** There, *Rashi* states that even though Eliezer **saw that "his words** of prayer **were close to being fulfilled (because the stipulations** mentioned in his prayer **were carried out, still) he did not** yet **know if she was from Avraham's family or not."**

What caused Yitzchak to make up his mind? **"He brought her to the tent of Sarah his mother."**[24]

**Since** "bringing her **to the tent of Sarah his mother," was what caused Yitzchak's decision, we are forced to say that he saw greater and more wondrous miracles at that time than those** related to him by Eliezer**. Those miracles clarified the perfect similarity between** Rivkah's character **and** that of **Avraham's household and the resemblance to Sarah in particular.**[25]

***Rashi* understands that this** concept **is alluded to by the** three **words, האהלה שרה אמו, "to the tent of Sarah his mother." Yitzchak saw one miracle associated with "the tent," another one associated with "Sarah," and a** third **associated with "his mother."** After witnessing these three miracles, "he took Rivkah and she became his wife."

און וויבאַלד אַז בַּיִים "וַיְבִאֶהָ יִצְחָק הָאֹהֱלָה וגו'" איז גֶעקוּמֶען יִצְחָק'ס הַחְלָטָה, מוּז מֶען זָאגְן, אַז עֶר הָאט גֶעזֶען גְרֶעסֶערֶע נִסִים און וואוּנְדֶער (פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע), וועֶלְכֶע הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט דִי פוּלֶע הִתְדַמּוּת צוּ מִשְׁפַּחַת אַבְרָהָם און צוּ שָׂרָה בִּפְרַט[כג].
און דָאס, לֶערְנְט רַשִׁ"י איז טַאקֶע מְרוּמָז אִין דִי ווֶערְטֶער "הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ" - עֶר הָאט גֶעזֶען אַ נֵס אִין פַאַרְבִּינְדוּנְג מִיט "הָאֹהֱלָה", אַ נֵס אִין צוּזַאמֶענְהַאנְג מִיט "שָׂרָה" און אַ נֵס אִין שַׁיְיכוּת מִיט "אִמּוֹ".

---

**24. This also appears to be the intent of *Bereishis Rabbah*, *loc. cit.* After** the *Midrash* **states that all the factors that** characterized **Sarah returned when Rivkah arrived, it concludes, "And since he saw her conducting herself as his mother did…* "Yitzchak immediately took her to the tent." Obviously,** the *Midrash* **is also focusing on the continuation of the verse, "And he took Rivkah and he became his wife."**

**This is also the understanding of Rabbi Yossi in *Pirkei DeRabbi Eliezer*, ch. 16 (and perhaps, also that of the other Sages mentioned in that source) that after "he brought her to the tent," he took her as a wife. See footnote 38 below** (However, *Pirkei DeRabbi Eliezer* focuses **on a different reason why** Yitzchak first brought her to the tent**. See also the commentaries of Alshech and *Malbim* to the verse.**

* **From** the inclusion of the word "and" in the *Midrash*, **it appears that all four matters – not only that "she separated *challah* in a state of ritual purity" – caused Yitzchak** to decide to **marry Rivkah, as reflected in the words "conducting herself as his mother did." See footnote 4. See also *Gur Aryeh* to *Bereishis* 24:66,** which explains that even the miracles that G-d performs for a person's sake are dependent on his or her conduct.

**25. Based on the above (in addition to the explanations below in the section entitled "Identifying the Three Miracles"), it is understood why *Rashi* did not cite the point "the entrances** to the tent **were wide open," as the *Midrash* does.** Yitzchak did not **first learn** about her kindness **when he brought** Rivkah **into the tent. He knew of her deeds of kindness beforehand because of her interaction with Eliezer.** (See ***Bereishis* 24:18ff., and *Rashi*, *Bereishis* 24:17.)**

**Even if one would say – and this is somewhat of a forced interpretation – that opening the entrances to the tent widely would have been a new development,** surpassing **her conduct with Eliezer, it did not involve a miracle.** And it was the miraculous aspects of the other three signs **that influenced Yitzchak to decide to marry Rivkah, as opposed to the miracles that Eliezer related to him.**

* **The opening of the entrances to the tent did not reveal a new dimension of Rivkah's performance of acts of kindness. Even beforehand, she acted generously with** everything **she had.** Continuing that pattern, **after she married and had a home** to maintain, it was natural **that its entrances would be wide open. See the gloss of *Levush HaOrah* to this passage.**

## Identifying the Three Miracles

**To delineate** each of the miracles **in the order** mentioned in the verse:

a) **"To the tent."** As mentioned, **the *hei*,** the first letter of the word האהלה, **denotes a definite article.** Yitzchak witnessed **a miracle related to "*the* tent," something that distinguished this tent from all other tents, something indicating that this was a recognized and well-known tent. This leads to the conclusion that he saw "a cloud attached to the tent."**

What leads to this conclusion? Previously, in the verse,[26] **וירא את המקום מרחוק, "He saw the place from a distance," the *hei*,** the first letter of the word, המקום, "the place," also **indicates a definite article, a place that is distinguished for its holiness. How was it distinguished? "There was a cloud attached to the mountain."**[27]

**By using the same linguistic technique, a *hei* to denote a definite article,** the verse **suggests that a similar miracle occurred. There was "a cloud attached to the tent," which set off this tent from others.**

b) **"Sarah" implies that a miracle took place that reflects an intrinsic connection with Sarah** and her life's work. **It is possible to determine** the type of miracle that occurred **from** the Torah's description of Sarah's activities **in *Parshas Vayeira*.** There, it is related that **when the angels came to Avraham appearing as guests, Avraham prepared food for them and served them himself. There was one thing that he did not do, as the Torah states,[28] "Avraham rushed to the tent to Sarah, and he said, 'Hurry, take**

ד. און אויסְפִּירְלֶעךְ לוֹיטְן סֵדֶר:

"הָאֹהֱלָה" (מִיט אַ הֵ"א הַיְדִיעָה): אַ נֵס וואָס אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶעם אֹהֶל, דָאס הֵייסְט וואָס טֵיילְט אוֹיס דֶעם אֹהֶל פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע אוֹהָלִים - אַז עֶס וועֶרְט אָנְגֶערוּפֶען "הָאֹהֱלָה" מִיט אַ הֵ"א הַיְדִיעָה - דֶעם בַּאקַאנְטְן בַּארִימְטְן אֹהֶל - און דָאס פִירְט צוּם פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס מֵיינְט "עָנָן קָשׁוּר עַל הָאֹהֶל".

וואָרוּם מְ'הָאט שׁוֹין עֶנְלֶעךְ צוּ דֶעם גֶעלֶערְנְט בַּיְים פָּסוּק[כד] "וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק" אַז דָאס וואָס אַ גֶעוויסֶער מָקוֹם אִיז אוֹיסְגֶעטֵיילְט (אִין הֵיילִיקַיְיט) בִּיז עֶר וועֶרְט אָנְגֶערוּפְן "הַמָּקוֹם" (מִיט אַ הֵ"א הַיְדִיעָה) אִיז דָאס גֶעוועֶן דוּרְךְ דֶעם וואָס "עָנָן קָשׁוּר עַל הָהָר".

פַארְשְׁטֵייט מֶען אַז אוֹיךְ דָא אִיז דִי הַדְגָּשָׁה "הָאֹהֱלָה" (הֵ"א הַיְדִיעָה) - אָנְצוּדַיְיטְן אוֹיפְן זֶעלְבְּן נֵס פוּן "עָנָן קָשׁוּר עַל הָאֹהֶל", וואָס הָאט דֶערְמִיט אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט דֶעם אֹהֶל פוּן אַנְדֶערֶע.

"שָׂרָה": אַ נֵס אִין אַ זַאךְ וואָס הָאט אַ בַּאזוּנְדֶער שַׁיְיכוּת צוּ שָׂרָה - וועֶלְכֶע מֶען פַארְשְׁטֵייט דֶערְפוּן וואָס מֶען הָאט שׁוֹין פְרִיעֶר גֶעלֶערְנְט (אִין פַּרְשַׁת וַיֵּרָא). בְּשַׁעַת דִי מַלְאָכִים זַיְינֶען גֶעקוּמֶען ווִי "אוֹרְחִים" צוּ אַבְרָהָם'ן הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין פַארְנוּמֶען מִיט צוּגְרֵייטְן און דֶערְלַאנְגֶען דִי מַאֲכָלִים פַאר זֵיי; דֶערְצֵיילְט אָבֶּער דִי תּוֹרָה וועֶגְן אֵיין אוֹיסְנַאם: "וַיְמַהֵר אַבְרָהָם הָאֹהֱלָה אֶל שָׂרָה וַיֹּאמֶר מַהֲרִי וגו'

26. ***Bereishis* 22:4. See *Rashi's* commentary.**

27. See *Rashi's* commentary to that verse.

28. ***Bereishis* 18:6.**

**three *seah*[29] of meal** and **fine flour; knead and make cakes.'"**

**Avraham made great efforts to welcome his guests. Despite the great pain he was suffering that day,[30] he** "ran to the cattle and **took a calf"[31] for them. Nevertheless,** even though he undertook the other efforts himself, **he left the kneading and preparation of the dough** for the bread **entirely to Sarah.[32] That task belonged to her.**

**Therefore,** referring back to the verse under discussion, **when the Torah alludes to a miracle that shares an inherent connection to Sarah, it is understandable that it has to do with** preparing **dough: "blessing was found in the dough."**

c) **"His mother" – Even a five-year-old child** beginning his Torah studies **notices that his mother lights *Shabbos* candles every Friday. He hasn't studied about it, but he sees that this is** a *mitzvah* **given over to women in general and a mother in particular.**

**Therefore, when he learns about a miracle that is associated with** the word **אמו, "his mother," even he understands that it relates to kindling *Shabbos* lights because that is what he sees his** own **mother do every Friday.**

**True, not only a mother kindles *Shabbos* lights; other women who have not yet married also do (as will be explained). However, a five-year-old** beginning his Torah studies **does not always see other women or girls lighting**

סֹלֶת לוּשִׁי וַעֲשִׂי עוּגוֹת"[כה]. דָאס הֵייסְט נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ'ס גְרוֹיסֶע הִשְׁתַּדְּלוּת צוּ מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוַת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, בִּיז אַז עֶר אַלֵיין (כָאטשׁ עֶר הָאט גֶעלִיטְן גְרוֹיס צַעַר אִין יֶענֶעם טָאג) אִיז "גֶעלָאפְן" אוּן גֶעבְּרַאכְט פַאר זֵיי אַ בֶּן בָּקָר[כו], הָאט עֶר אָבֶּער דָאס קְנֶעטְן אוּן צוּגְרֵייטְן דִי עִיסָּה[כז] אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פַאר שָׂרָה'ן - וַוייל דָאס גֶעהֶערְט דַוְקָא צוּ אִיר.

וּבְמֵילָא, וויבַּאלְד אִין אוּנְזֶער פָּסוּק אִיז אָנְגֶעדַייט, אַז סְ'אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס מְיוּחָד אִין עֶפֶּעס וָואס הָאט צוּ טָאן מִיט שָׂרָה בִּמְיוּחָד, אִיז מוּבָן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען בְּשַׁיְיכוּת מִיט דֶער עִיסָּה: "בְּרָכָה מְצוּיָה בָּעִיסָּה".

"אִמּוֹ": אוֹיךְ אַ בֶּן חָמֵשׁ לְמִקְרָא ווֵייס אוּן בַּאמֶערְקְט (כָאטשׁ עֶר הָאט וועגְן דֶעם נָאךְ נִיט גֶעלֶערְנְט) אַז צִינְדְן לִיכְט עֶרֶב שַׁבָּת אִיז אַן אוֹיסְנַאמְלֶעכֶער עִנְיָן וָואס גֶעהֶערְט צוּ (פְרוֹיעֶן בִּכְלַל אוּן בִּפְרַט צוּ) "אִמּוֹ".

אִיז בְּעֵת עֶר לֶערְנְט וועגְן אַ נֵס וָואס אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט אִמּוֹ פַארְשְׁטֵייט אוֹיךְ דֶער בֶּן חָמֵשׁ לְמִקְרָא דִי שַׁיְיכוּת מִיט הַדְלָקַת נֵר

29. A measure of volume, equal to 8.3 liters (approximately 2.2 gallons) in modern measurements, according to *Shiurei Torah*. It should be noted that when calculating the 40 *seah* of water used for a *mikveh*, many authorities are stringent and use significantly larger measures.

30. It was the third day after his circumcision, a time when the pain is very severe.

31. ***Bereishis* 18:7. See *Ramban's* commentary to that verse.**

**The verse states that** Avraham **gave the calf "to the youth to prepare." *Rashi* comments that he gave it to Yishmael "to train him in the *mitzvah*** of hospitality," i.e., *Rashi* felt a need to explain why Avraham did not prepare the calf himself. **By contrast, *Rashi* does not see the need to comment regarding Avraham's request that Sarah bake bread.** This indicates that he saw that as a task intrinsically related to Sarah.

**32. By contrast, we see that Lot baked *matzos* for his guests himself (see *Bereishis* 19:3).**

שַׁבָּת, וָועֶנְדִיק ווי די מוּטֶער טוּט עֶס יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת.

[און הָגַם אַז הַדְלָקַת נֵרוֹת אִיז שַׁיָּיךְ נִיט נָאר צוּ "אִמּוֹ", נָאר אוֹיךְ צוּ אַזֶעלְכֶע וָואס זַיְינֶען פַּאר דֶער חֲתוּנָּה (ווי דֶערקְלֶערְט וַוייטֶער), אִיז עֶס אָבֶּער נִיט אוּמֶעטוּם אוּן נִיט אַלֶעמָאל ווי די הַדְלָקַת נֵרוֹת פוּן "אִמּוֹ" - ווָארוּם עֶס קֶען זַיְין אַז דֶער בֶּן חָמֵשׁ הָאט נִיט קֵיין שְׁוֶועסְטֶער אָדֶער זַיְין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גָאר קְלֵיין].

עַל פִּי זֶה אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק וָואס רַשִׁ"י בְּרֵיינְגְט נִיט אַרָאפּ דֶעם פֶערְטְן עִנְיָן מִיט וועלְכְן רִבְקָה אִיז גֶעוֶוען עֶנְלִיךְ צוּ שָׂרָה'ן - ווי מְ'גֶעפִינְט עֶס אִין מִדְרָשׁ - ווִיבַּאלְד אַז אִין פַּשְׁטוּת גֶעפִינְט זִיךְ אִין פָּסוּק אַן אָנְדֵייט בְּלוֹיז אוֹיף די דְרַיי זַאכְן.

עֶס בְּלַייבְּט נָאךְ די שַׁאֲלָה: פוּן וַואנֶען אִיז גֶעדְרוּנְגֶען אַז די לִיכְט הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט אַזוֹי לַאנְג - מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת? אֲפִילוּ וָועְן זֵיי וָואלְטְן גֶעבְּרֶענְט אַגַאנְצְן מֵעֵת לְעֵת[כח] וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה[כט] אִיז עֶס אוֹיךְ אַ נֵס גָּדוֹל!

די שַׁאֲלָה בַּאוָוארְנְט רַשִׁ"י דֶערְמִיט וָואס עֶר אִיז מוֹסִיף: "בְּרֵאשִׁית רַבָּה" - אִין דֶּרֶךְ הַפְּשָׁט אִיז טַאקֶע אַ סָפֵק ווי לַאנְג די לִיכְט הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט, אָבֶּער אַזוֹי שְׁטֵייט אִין בְּרֵאשִׁית רַבָּה אַז די לִיכְט הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת[ל].

***Shabbos* candles. He might not have sisters or they might be too young to light. By contrast, he always associates his mother with the kindling of *Shabbos* lights.**

**On this basis, we can understand why *Rashi* does not cite the fourth matter in which the *Midrash* states that Rivkah resembled Sarah** – that the entrance to her tent was open. With these three words, **האהלה שרה אמו, the verse alludes only to three** miracles.

**A question nevertheless remains: How do we know that** Rivkah's *Shabbos* **lights burned from Friday afternoon until the following Friday afternoon? Even if they had burned only throughout the entire *Shabbos*[33] or another similar** miracle had occurred,[34] **it would have been a great miracle.**

***Rashi* answers that question by** citing his source: ***Bereishis Rabbah*. A straightforward reading of the narrative does not indicate how long** Rivkah's **lights burned. However, *Bereishis Rabbah* states that they burned from Friday afternoon until the following Friday afternoon.[35]**

---

33. Indeed, **the *Midrash Aggadah* to the verse comments, "When she would kindle *Shabbos* lights on Friday, the lights would burn until Saturday night." One manuscript of *Bereishis Rabbah, loc. cit.*, also follows this understanding. See *Bereishis Rabbah* 11:2,** which also speaks of such a miracle.

34. **See, for example, *Targum Yonasan*** to this verse **which states that** when Yitzchak brought Rivkah into the tent, **"Immediately, the light that was extinguished when Sarah died shined forth."**

35. ***Bereishis Rabbah* 60:16 (and similarly *Yalkut Shimoni* to the verse) state that her lights burned "from *Shabbos* night to *Shabbos* night." However, the intent is obviously from Friday afternoon to the Friday after, and *Maharzav* explicitly states this. See footnote 37 below with regard to the differences between the wording used by *Rashi*** and that used by the *Midrash*.

## Getting the Sequence Right

**Based on the above, it becomes even more difficult to understand why *Rashi*** chose to mention the miracles **in the following order: "A light burned from one *Shabbos* eve to the next, blessing was found in the dough, and a cloud was attached to the tent." Not only is this order the opposite of the order given in the *Midrash*, it is also the opposite of the order in which the miracles are alluded to in the phrase "to the tent of Sarah his mother," as explained above. "To the tent of" alludes to the cloud that was attached, "Sarah" to the blessing found in the dough, and "his mother" to the light that burned.**

**It cannot be said that *Rashi* chose this order because this was the order in which the three** miracles **occurred for Rivkah. Even if Rivkah arrived Friday afternoon right before evening and she kindled *Shabbos* lights immediately thereafter, the miracle of her *Shabbos* lights "burning from one *Shabbos* eve to the next" would not have been** noticed at that time. **The cloud attached to the tent** would have been visible first, immediately upon her entering the tent.

**Therefore, *Rashi* should have followed the order implied by the narrative and stated in the *Midrash*. He should have begun with "the cloud attached to the tent," the first miracle that occurred as soon as Rivkah entered the tent. Then "the blessing found in the dough"** should have been mentioned, because **that miracle was apparent as soon as she began making dough. Only afterwards should the miracle that her *Shabbos* lights "burned from one *Shabbos* eve to the next" have been mentioned, because the full extent of that miracle would not have become apparent until the following Friday.**[36]

**To resolve this, it can be explained:** As men-

**ה. לְפִי זֶה וֶוערְט אָבֶּער נָאךְ מֶער נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק דֶער סֵדֶר אִין פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י: "נֵר דָלוּק מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת וּבְרָכָה מְצוּיָה בָּעִיסָה וְעָנָן קָשׁוּר עַל הָאֹהֶל", וָואס נִיט בְּלוֹיז אִיז עֶס בְּהֵיפֶּךְ פוּן זֵייעֶר סֵדֶר אִין מִדְרָשׁ, נָאר אוֹיךְ פַארְקֶערְט פוּנֶעם סֵדֶר וִוי זֵיי זַיְינֶען מְרוּמָּז אִין פָּסוּק וִוי פְרִיעֶר דֶערְקְלֶערְט ("הָאֹהֱלָה" - עָנָן קָשׁוּר, "שָׂרָה" - בְּרָכָה מְצוּיָה בָּעִיסָה, "אִמּוֹ" - נֵר דָלוּק וכו') -**

[מֶען קֶען נִיט זָאגְן אַז דֶער סֵדֶר אִין רַשִׁ"י אִיז בְּהֶתְאֵם מִיטְ'ן סֵדֶר וִוי דִי דְרַיי זַאכְן הָאבְּן פַּאסִירְט בַּיי רִבְקָה'ן, וָוארוּם אָנְגֶעמֶענְדִיק אֲפִילוּ אַז זִי אִיז גֶעקוּמֶען עֶרֶב שַׁבָּת פַארְנַאכְט אוּן צוּם אַלֶעם עֶרְשְׁטְן הָאט זִי גֶעצוּנְדְן לִיכְט, אִיז אָבֶּער פָּשׁוּט אַז דֶער נֵס פוּן "נֵר דָלוּק מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת" הָאט גֶעקֶענְט גֶעזֶען וֶוערְן נָאךְ דֶעם זֶען פוּן עָנָן קָשׁוּר כו']

**הָאט דָאךְ רַשִׁ"י גֶעדַארְפְט אָנְהֵייבְּן (לוֹיטְן סֵדֶר וִוי אִין פָּסוּק אוּן אִין מִדְרָשׁ) מִיט "עָנָן קָשׁוּר עַל הָאֹהֶל" - דֶער עֶרְשְׁטֶער נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיְים רִבְקָה'ס אַרַיְינְקוּמֶען אִין אֹהֶל, אוּן דֶערְנָאךְ "בְּרָכָה מְצוּיָה בָּעִיסָה" - אַ נֵס וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעזֶען בַּאלְד אִין אִיר הִתְעַסְקוּת מִיט דֶער "עִיסָה", אוּן עֶרְשְׁט דֶערְנָאךְ דֶער נֵס פוּן "נֵר דָלוּק מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת", וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען בִּשְׁלֵימוּתוֹ עֶרְשְׁט בַּיְים צְוֵוייטְן עֶרֶב שַׁבָּת[לא].**

**אִיז דֶער בִּיאוּר אִין דֶעם:**

tioned, the three miracles that occurred upon Rivkah's entering **"the tent of Sarah his mother" demonstrated to Yitzchak that Rivkah resembled his mother and convinced him to marry her. Therefore, first and foremost, he had to see that her righteousness was comparable** to Sarah's.

וויבַאלְד אַז דֶער עִנְיָן פוּן "הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ" הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶעם "וַיִּקַּח אֶת רִבְקָה גו' לְאִשָּׁה", וַוייְל דוּרְךְ דֶעם הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוויזְן אַז זִי אִיז גְלַייְךְ צוּ שָׂרָה אִמּוֹ, אִיז דָאךְ פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז לְכֹל לְרֹאשׁ וּבְעִיקָר אִיז דָא נוֹגֵעַ דֶער פַארְגְלַייְךְ אִינֶעם פְּרַט פוּן צִדְקוּת וכו' –

**Therefore,** ***Rashi*** **first mentions the miracle that her** ***Shabbos*** **"lights burned from one** ***Shabbos*** **eve to the next," i.e., a miracle involving a** ***mitzvah*** Rivkah **performed. This expressed her unique virtue, her righteousness in the observance of a** ***mitzvah*****.**[37]

אוּן דֶערְפַאר בְּרֶענְגְט רַשִׁ"י צוּם עֶרְשְׁטְן דֶעם נֵס פוּן "נֵר דָּלוּק מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת", דָאס הֵייסְט אַ נֵס אִין אַ מִצְוָה וואָס זִי הָאט גֶעטָאן, וואָס דֶערְבַּיי ווֶערְט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט אִיר מַעֲלָה, אִיר צִדְקוּת אִין קִיּוּם הַמִּצְוָה[לב];

**Afterwards,** *Rashi* **mentions the miracle of "blessing** being **found in the dough" because that is also associated with** Rivkah's **activities, but not associated with a** ***mitzvah*****.**

נָאכְדֶעם קוּמְט דֶער נֵס פוּן "בְּרָכָה מְצוּיָה בָּעִיסָה", וואָס אִיז אוֹיךְ פַארְבּוּנְדְן מִיט אִירֶע פְּעוּלוֹת, אָבֶּער שׁוֹין נִיט אִין צוּזַאמֶענְהַאנְג מִיט אַ מִצְוָה;

---

**36.** The above explanations clarify **why the** ***Midrash*** mentions the miracles **in this order.**

**37. Based on the above, the differences between the wording used by** ***Rashi*** **and that of the** ***Midrash*** **can be explained. (See footnote 35 above.** While the differences could also **be explained by saying that** ***Rashi*** **possessed a** different version of the *Midrash* and was quoting from it, that explanation is somewhat **forced.)**

***Rashi*** **understands that the fundamental dimension of the miracle of the light burning that made an impression on Yitzchak was** its connection with Rivkah's **observance of the** ***mitzvos*****. Therefore,** *Rashi* **emphasizes that** the light burned **"from Friday afternoon," i.e., the time when the** ***Shabbos*** **lights are kindled.**

**The** ***Midrash,*** **by contrast, puts the emphasis on the miracle** that transpired. Therefore, it speaks of the lights burning **"from** ***Shabbos*** **night until…,"* i.e.,** the lights **burned longer than they would have burned according to nature.**

**It is possible to explain that this difference** in emphasis **is also the reason why** ***Rashi*** **states, "the light burned" (דלוק), while the** ***Midrash*** **states, "the light would burn" (דולק). However, when quoting the** ***Midrash, Yalkut Shimoni*** **uses the term דלוק and that word is found in some manuscripts of** ***Bereishis Rabbah*** **cited in the Albeck edition. Conversely, the first printing of** ***Rashi's*** **commentary uses the wording דולק.***

* עד, "until," has two meanings, עד ולא עד בכלל and עד ועד בכלל, i.e., that the matter described continued until, but not including the next matter mentioned, or that it continued until and including that next matter.

The statement of the *Midrash* – that Sarah's and Rivkah's *Shabbos* lights burned **"until the** next ***Shabbos*** **night" – means that they burned until but not including** *Shabbos* night, because they ceased burning Friday afternoon just before Sarah and Rivkah would kindle the lights for the coming *Shabbos*.

**See** ***Avos*** **5:2, which speaks of "Ten generations from Adam until Noach," in which instance, both righteous men were included in the ten generations. However, that same** ***Mishnah*** **also speaks of "Ten generations from Noach until Avraham," in which instance, only one of these righteous men was included in the ten generations. See** ***Machzor Vitri, Tosfos Yom Tov,*** **and other commentaries to the** ***Mishnah*** who focus on this point**. See also** ***Likkutei Sichos,*** **Vol. 15, p. 58ff., which discusses that** ***mishnah*****.**

**Some manuscripts (in the Albeck edition** of the *Midrash*) **speak of Sarah's and Rivkah's** ***Shabbos*** **lights burning, ללילי שבת, "to** ***Shabbos*** **night." This is also the version in the standard text of** ***Yalkut Shimoni.***

**And finally, *Rashi* speaks of the miracle that "a cloud was attached to the tent," which is not connected to a *mitzvah* or with any of the actions she performed.**

אוּן עֶרְשְׁט דֶערְנָאךְ אַ נֵס אִין אַ זַאךְ וָואס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער פוּן אִירֶע פְּעוּלוֹת - "עָנָן קָשׁוּר עַל הָאֹהֶל" - נִיט אִין אַ מִצְוָה אוּן אוֹיךְ נִיט אִין אַ פְּעוּלָה וָואס זִי הָאט גֶעטָאן.

## The Power of a Three-Year-Old's *Shabbos* Candles

Embedded in ***Rashi*'s commentary is an extraordinary message:**

ו. פוּן דִי עִנְיָנִים מוּפְלָאִים פוּן דֶעם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י:

**As mentioned, Yitzchak married Rivkah only after he saw that her *Shabbos* lights burned from Friday afternoon until Friday afternoon. We see from this that Rivkah began kindling *Shabbos* lights even before she was married.**[38]

וִויבַּאלְד אַז "וַיִּקַּח אֶת רִבְקָה וגו'" אִיז גֶעוֶוען עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וִוי עֶר הָאט בַּיי אִיר גֶעזֶען "נֵר דָלוּק מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת" וִוי גֶערֶעדט פְרִיעֶר, זֶעט מֶען דֶערְפוּן אַז דִי הַנְהָגָה פוּן רִבְקָה'ן אִיז גֶעוֶוען צוּ צִינְדְן נֵרוֹת שַׁבָּת קֹדֶשׁ אוֹיךְ פַאר דֶער חֲתוּנָה[לג].

---

38. ***Tosafos* (*Kesubos* 7b) states that the phrase (*Bereishis* 24:60), "They blessed Rivkah," refers to the blessing recited when performing *erusin,* the first stage of Jewish marriage.**

According to Jewish Law, the establishment of a marital bond between a husband and his wife is a two-stage process, beginning with *erusin* – also termed *kiddushin,* the "consecration" of the woman, at which time she becomes forbidden to all other men, followed by *nisuin* – after which the couple begins living together as husband and wife. In the Talmudic era, there was a significant time gap – up to a year – between these two stages. At present, both stages are performed in direct sequence, one after the other.

